מרזב=ברוקלין

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כב' אייר תשי"ח
ברוקלין

מרת דבורה תחי'

ברכה ושלום!

אין ענטפער אויף אייער בריף (אן דעם דאטום פון שרייבן)

אין וועלכען איר שרייבט, אז זיינער צייט האט איר געוואלט היראטען פאר א בן תורה.

תודה לא-ל, דאס איז פארווירקליכט געווארען אין דער פולסטער מאס, ווארום איך קען אייער מאן הרב שי' מערערע יארען, און קען אים אויך איצטער אלס ראש ישיבה בא אונז אין ישיבה און פון זיין איינווירקונג בהצלחה אויף תלמידים, און השם יתברך האט עם מזכה געווען אז ער האט שוין תלמידים וועלכע זיינען אויך ווערט צו טראגען דעם נאמען בן תורה,

און השם יתברך זאל אייך העלפען אז אויך אויף להבא זאלן ערפילט ווערען אייערע הארץ פארלאנגען לטובה בכל הפרטים.

געוויס ווייסט איר פון דעם מנהג הטוב של בנות ישראל הכשרות, צו געבען אויף צדקה יעדער מאל פאר ליכט צינדען ערב שבת און ערב יום טוב, און אלענספאל זאלט איר טאן אזוי פון איצטער אן און ווייטער.

בברכה לבשורות טובות

בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א
ב. קליין
מזכיר

שמחת נישואין של

# שמואל ואיידלא
# מרזוב

כ״ו מנחם־אב ה׳תשע״ט

# *Shmuel & Eidla*
# *Morozow*

27 août — august 27

ב"ה. כ"ו מנחם אב ה'תשע"ט.

הננו מדפיסים תשורה, שני מכתבים מכ"ק אדמו"ר זי"ע.

המכתב הראשון נכתב למרת בלימא גליק, אם סבתו של החתן. שהתגורה במאנטעווידעא ושהתה באותו הזמן בברוקלין.

נושא המכתב הוא:

א) אודות בנה, יהושע, שלמד באותה התקופה בארץ ישראל.

ב) אודות בתה הצעירה, עטא דבורה, סבתו של החתן.

המכתב השני הוא למרת [עטא] דבורה מרזוב, סבתו של החתן.

גליק=מאנטעווידעא(ברוקלין)

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

ב"ה. כ"ג טבת תשי"ח
ברוקלין

מרת בלימא תחי'

ברכה ושלום!

אין ענטפער אויף אייער בריף פון כ' טבת, אין וועלכען איר שרייבט:

א) וועגן אייער זון וועלכער געפינט זיך אין ארץ ישראל, און האט דארט פארלויפיג שוועריקייטען אין עניינים פון שידוכין, צי זאלט איר באשטיין דוקא, אז ער זאל צוריק קומען און טאן דא א שידוך.

לויט מיין מיינונג, וויבאלד ער געפינט זיך שוין דארטען, דארפמען עס געבען צייט נאך עטליכע חדשים אויף צו טאן דארטען וועגן עניני שידוכין, און אום צו פארגרינגערן דאס, דארפמען טאן אין דעם ווי עס טוען אנדערע, געפינען דארט פריינד און באקאנטע וועלכע זאלען צוהעלפען אין דעם און מיט דער נויטיגער ענערגיע, און זיכער קען מען געפינען מענשן וועלכע האבען דארט פריינד וועלכע זאלען נעמען אויף זיך צו טאן אין דעם.

ב) וועגן אייער טאכטער וועלכע געפינט זיך דא, און אין עניני שידוכין באשטייט זי דוקא אז ער זאל זיין א אלמדן וכו', = צי איז דאס ניט א שווערע זאך לויטן צושטאנד.

ניט נאר איז דאס ניט שווער - נאר עס איז זייער גלייך, און אז מען וועט טאן אין דעם ווי געהעריג און די טאכטער אייערע וועט ווייטער אנהאלטען איר שטעלונג וואס די שטעלונג ברייינגט ארויס - ניט צו לייגען קיין אכט אויף אויסערליכע מעלות וועלכע צייטענווייז ווייזען זיי זיך ארויס גאר פאר חסרונות, וועט השם יתברך צושיקען איר א גוטען שידוך, און בויען זייער הויז ווי עס פאדערט זיך פון א אידישע טאכטער, צו פיל נחת פאר די עלטערן שיחיו.

בברכה

בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א
ל. קווינט
מזכיר